# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תשא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 421

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תפילה פון די פושעים נעמט אוועק די קטרוג פון די תפילה פון די צדיקים

"קַח לְךָ סַמִּים נָטָף וּשְׁחֵלֶת וְחֶלְבְּנָה סַמִּים וּלְבֹנָה זַכָּה בַּד בְּבַד יִהְיֶה" (ל לד)

רש"י ערקלערט (ע"פ כריתות ו ב) אז איינס פון די סממני הקטורת וואס ווערן אויסגערעכנט אין דער פסוק - די 'חלבנה' האט געהאט א שלעכטן גערוך, "ומנאה הכתוב בין סמני הקטורת. ללמדנו, שלא יקל בעינינו לצרף עמנו באגודת תעניותינו ותפילותינו את פושעי ישראל שיהיו נמנין עמנו". פון דער לשון פון רש"י זעט אויס אז נישט נאר די תפילה פון דער רשע שטערט נישט די תפילה פון ציבור, נאר עס העלפט נאך צו עס זאל אנגענומען ווערן, וויאזוי?

ערקלערט דער 'חתם סופר':

ווען דער שטן זעט די ערליכע אידן דאווענען, באלד קומט ער זיי שטערן און צומישן זייער כוונה, ציטערנדיג טאמער וועלן זיי תשובה טון און בעטן פון השי"ת זאל זיי שענקען מחילה סליחה וכפרה. אבער די תפילה פון די פושעי ישראל וואס דאווענען אויף עניני עולם הזה, שטערט ער נישט. דעריבער ווען זיי דאווענען צוזאמען מיט די ערליכע, מיינט דער שטן אז די ציל פון אלעמען איז דאווענען אויף עניני עולם הזה, און ער שטערט זיי נישט.

'ליקוטי חבר בן חיים' ח"ה דף כד א

### מזכה זיין דעם רבים ביים זאגן 'ויכלו'

"וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם"

רבי יוסף שלום אלישיב זאגט:

צוויי ציוּוים זענען געזאגט געווארן אין דער פסוק; דאס ערשטע: "וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת" איז מחייב יעדן איד האלטן שבת, און דאס צווייטע: "לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת" איז מחייב די שומרי שבת זארגן אז אנדערע זאלן אויך היטן שבת. ווייל די בונד פון די אידן מיטן שבת איז נישט קיין בונד פון יחידים, נאר א ברית פון גאנץ כלל ישראל צוזאמען, און ווען עס זענען דא פון זיי וואס היטן נישט שבת, עקזיסטירט נישט די בונד.

מען קען ערקלערן אז כדי מקיים צו זיין די צוויי ציוּוים זאגן מיר שבת ביינאכט 'ויכלו' צוויי מאל: די ערשטע ביי די שטילע שמו"ע - אקעגן די פריוואטע ציווי צו היטן שבת, און די צווייטע הויעך נאך די שטילע שמו"ע - אקעגן די ציווי אנווארענען אנדערע אויף שמירת שבת.

און דאס איז אויך די כוונה פון די חכמים וואס האבן געזאגט (שבת קיט ב) "כל המתפלל ואומר ויכלו מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית". לכאורה 'ויכלו' איז דאך אריינגערעכנט אין די שטילע שמו"ע, איז וואס איז דער לשון "המתפלל ואומר ויכלו", ווי עס וואלט געווען צוויי פארשידענע זאכן? נאר זיכער איז די כוונה פון חז"ל משבח זיין דעם וואס האט געדאוונט און האט שוין געזאגט ויכלו ביים דאווענען, און דאך זאגט עס איבער הויעך נאכן דאווענען כדי אנווארענען אנדערע אויף שמירת שבת, ווייל נאר ער איז זוכה צו דערגרייכן צו די דרגה פון זיין א "שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית" (ראה מאירי שם).

'דברי אגדה'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די ברכה און די אמן – צוויי האלבע וואס ווערן א גאנצער זאך

אין די פרשה פון די וואך באפעלט די תורה פאר יעדן איד זאל געבן "מחצית השקל - תרומה לה'". די מצוה ערוועקט אין אונזער הארץ התבוננות און מחשבה; פארוואס פונקט 'מחצית', פארוואס זאל יעדער איד נישט געבן א גאנצער שקל אויף אזא דערהויבענעם צוועק פון בויען די משכן?

דער אלשיך הקדוש ברענגט אויף דעם א וואונדערליכן תירוץ אין נאמען פון רבי שלמה אלקבץ, דער מחבר פון דער דערהויבענעם פיוט 'לכה דודי' וואס ווערט געזינגען יעדע וואך ביי קבלת שבת. און אזוי זאגט ער: דורך דעם וואס די תורה האט באשטימט אז יעדער איד זאל געבן נאר א 'מחצית', האט די תורה מיט דעם אונז געלערנט אז יעדער איד פאר זיך קען זיך נישט רעכענען ווי א גאנצע זאך, נאר ווען א אנדערער איד וועט זיך צושטעלן צו אים - צוזאמען קענען זיי גערעכנט ווערן ווי א 'גאנצע זאך'.

עס זעט אויס אז עס איז נישטא נאך אזאך וואס קען אזוי גוט אראפלייגן דעם וואונדערליכן יסוד בעסער פון די טעמע וואס מיר זענען זוכה רעדן איבער דעם יעדע וואך - ברכות און אמן; ווען א איד זאגט א ברכה קען ער טון נאר א האלבע זאך, ד.מ. זאגן די ברכה בכוונה, און דורך דעם איז ער יוצא זיין חוב. אבער כדי עס זאל זיין א 'ברכה שלימה' מוז ער צוקומען אז נאך איינער זאל זיין נעבן אים וואס זאל משלים זיין פאר אים די צווייטע האלב, דורך דעם וואס ער ענטפערט אמן. ווייל א ברכה אן קיין אמן איז צוגעגלעכנט צו א האלבע זאך, אזוי ווי די ראשונים און אחרונים שרייבן אסאך דערויף (ראה רמ"א או"ח קסז ב ומשנ"ב שם כ).

אבער אזוי ווי די ברכה קען נישט זיין בשלימות ווען זי איז אליין, אזוי אויך די 'אמן' קען נישט זיין אליין. א 'אמן' וואס ווערט געזאגט סתם האט אינגאנצן נישט קיין באדייט, ווייל איר גאנצע באדייט איז נאר באשטעטיגן און אפסטעמפלען, און אויב קיינער האט גארנישט געזאגט וואס טוט די אמן באשטעטיגן? נאר דערנאך וואס אין אונזער געגנט איז געזאגט געווארן א ברכה קענען מיר געבן אונזער טייל און עס משלים זיין דורך ענטפערן אמן. די ברכה און די אמן זענען נישט צוויי גאנצע זאכן וואס שטעלן זיך צוזאמען, נאר צוויי האלבע וואס צוזאמען ווערן זיי א גאנצער זאך.

אין אלע אונזערע תפילות און בקשות בעטן מיר אז זיי זאלן זיין בשלימות: "תשובה שלימה"; "גאולה שלימה"; "רפואה שלימה"; אויב ווילן מיר זוכה זיין צו א שלימות'דיגע ברכה פון ה', פארוואס אונזער לויב זאל נישט געזאגט ווערן בשלימות דורך דעם וואס מיר וועלן זיכער מאכן אז עמיצער געפונט זיך אין אונזער געגנט כדי צו ענטפערן אמן נאך אונזערע ברכות.

**מיט די וואונטש 'בברכה שלימה - ונאמר אמן'**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א תמימות'דיגע תפילה וואס האט אויפגעטון אין דערוויטנ'ס

דער וואס גייט אדורך אין צענטער פון שטאט דאלאס וואס איז אין טעקסאס - אמעריקע, קען זיך נישט פארהוילן פון די שיינע געביידע, וואס געפונט זיך פונקט אין הארץ פון די שטאט און פארשפרייט דאס אידישע שיין אין דעם גאנצן אומגעגנט. דער געביידע אין דאלאס דינט אלס א לייכט-טורעם פאר די צענדליגער טויזנטער איינוואוינער אין טעקסאס, וואס אסאך פון זיי האבן אנטדעקט זייער אידישקייט צווישן אירע ווענט.

הינטער דאס אויפבוי פון דעם בנין ליגט א אויסערגעוועינליכן געשיכטע וואס איז דערציילט געווארן דורכן באוואוסטן משפיע הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א:

ווען הרב משה ראדנער שליט"א האט באקומען סמיכה אויף רבנות, האט ער באשלאסן זיך אריבערציהען צו די שטאט דאלאס וואס איז אין טעקסאס, מיטן ציל צו מקדיש זיין זיין גאנצע ענערגיע און פעאיקייטן צו פארשפרייטן אידישקייט אין שטאט.

די שטאט דאלאס, טראץ איר געוואלדיגן גרויסקייט איז אין לויף פון לאנגע יארן געווען א רוחניות'דיגע פוסטע און ליידיגע פעלד פאר די צענדליגער טויזנטער אידן וואס וואוינען דארט. דווקא צוליב דעם האט הרב ראדנער באשלאסן זיך צו באזעצן דארטן, מיט א האפענונג, אז ער וועט קענען אריינבלאזן



דער צענטער פון די שטאט דאלאס, טעקסאס אין אמעריקע

א אידישן גייסט און ווי מער אנצינדן די פארלאשענע קוילן.

אין אנהויב פון זיין קאריערע האט ער געדונגען א קליינע הויז אין צענטער פון שטאט, און האט אנגעהויבן איבערצוגעבן שיעורים און אנפירן פארשידענע אקטיוויטען אריינשיינען דעם אידישן גייסט. אזוי האט ער געהאפט צו קענען אנקניפן פארבינדונגען מיט די ארטיגע אידישע קהילה, כדי צו קענען גרינדן א ריכטיגע אידישע קהילה מיט אלע אירע באדערפענישן. אבער כמעט יעדע מעגליכע שטערונג איז געשטאנען אין זיין וועג. ביי יעדן טריט און שריט וואס ער האט געוואלט טון האט ער געטראפן ביוראקראטישע און עקאנאמישע שוועריקייטן וואס האבן אים אפגעהאלטן פון צו ערפילן זיינע שטרעבונגען.

אזוי איז ער געזיצן אין לויף פון א לאנגע צייט אין זיין באשיידענעם הויז, ווען ער פראבירט און פאלט אדורך נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ער האט שוין כמעט אויפגעהויבן זיינע הענט מיט פארצווייפלונג.

די ענדערונג איז פלוצלינג פארגעקומען 'ווי אין די ערציילונגען'. דאס איז געווען אין די צייט וואס הרב ראדנער איז געזעסן אין זיין הויז און געגעסן נאכטמאל מיט זיין פאמיליע, ווען פלוצלינג האבן זיך געהערט שוואכע קלאפן אויפן טיר. דער רב האט זיך געאיילט צו עפענען, טראכטנדיג אין הארצן, אז דאס איז זיכער נאך איינער פון די צענדליגער וואס קלאפן אן אויף זיין טיר צוליב פארשידענע אויספארשונגען אויף אידישקייט, זיין שטוב איז שוין לאנג געווען א באקאנטע אדרעס פאר יעדן.

אבער דאסמאל איז עס געווען עפעס אנדערש. ביים טיר איז געשטאנען אן עלטערער מענטש, זייער עלעגאנט אנגעטון. ער האט זיך אידענטיפיצירט ווי א ארטיקער איד, וואס וויל הערן אביסל מער אויפן באדייט פון זיין א מיטגליד פון דאס אידישן פאלק.

אזעלכע שמועסן האבן אויפגעלעבט דעם ר' משה. ער האט אריינגערופן דעם גאסט אין זיין באשיידענעם הויז, און אין לויף פון א לאנגע צייט האט ער גערעדט מיט אים ברייטערהייט און געענטפערט אויף אלע זיינע פראגן. הרב ראדנער האט אים ערקלערט אז אידישקייט איז נישט בלויז א פאלק, נאר זי פארפליכט צו פירן דאס לעבן לויט די פונקטליכע אנווייזונגען וואס זענען אראפגעשטעלט געווארן אויפן בארג סיני מיט טויזנטער יארן צוריק, אנווייזונגען וואס זענען גילטיג ביזן היינטיגן טאג.

די ווערטער פון רב זענען געפאלן אויף אפענע אויערן, די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן איידלערהייט אבער מיט א פעסטקייט האבן אריינגעבלאזן א גייסט פון חיות אין זיין אידישן הארץ און האבן אים געברענגט טרערן פון התרגשות אין די אויגן.

ביי די ענדע פון די שמועס, האט הרב ראדנער אים מיטגעטיילט מיט די פילע שוועריקייטן וואס ער גייט אריבער אויפן וועג צו פארווירקליכן זיין רצון צו פארשפרייטן דאס ליכטיגקייט פון תורה און אידישקייט צווישן די אידן אין טעקסאס. ער האט עס דערציילט אן א ספעציעלע כוונה, אבער דאן האט דער מענטש, אן זיך גרייטן פון פריער, אריינגעלייגט זיין האנט אין זיין קעשענע, און ארויסגענומען זיין טשעק ביכל. נאכדעם האט ער ארויסגענומען פון זיין קעשענע א גאלדענע פעדער, און האט אויפגעשריבן אויף א טשעק די סומע וואס ער האט באשלאסן, איינגעקנייטשט און עס איבערגעגעבן פארן רב. הרב ראדנער האט געקוקט מיט שטוינונג אויפן טשעק און איז שטיל געבליבן, די סומע וואס איז געווען אויף דעם געשריבן איז געווען אומגלויבליך - זעקס מיליאן דאלער!

"איך וויל נישט אז עפעס א שוועריקייט זאל שטיין אין דיין וועג און דיך אפהאלטן פון צו קענען פארווירקלעכן דיין הייליגע פלאן," האט אים דער מענטש געזאגט. "מיט די סומע וואס איך האב דיר געגעבן וועסטו קענען אויפבויען א שיינע געביידע וואס דורך דעם וועסטו קענען פארשפרייטן תורה און אידישקייט, נישט נאר אין דאלאס, נאר אין גאנץ טעקסאס".

פון גרויס התרגשות האט הרב ראדנער נישט געקענט רעדן א ווארט. ער האט זיך קוים געקענט געזעגענען פון דעם מענטש מיט עטליכע דאנק-ווערטער, און יענער איז זיך געגאנגען אויף זיין וועג.

אין די קומענדיגע וואכן און חדשים איז הרב ראדנער געווען פארנומען ביז העכערן קאפ מיט זוכן א פאסיגן פלאץ, און שאפן א פראפעסיאנעלע שטאב וואס וועט אויסשטעלן דעם געביידע אויפן בעסטן אופן צו קענען ענהאלטן אין זיך אלע אייגנארטיגע באדערפענישן, ווען ער טוט זיך באראטן מיטן נדבן אויף יעדן שריט, אבער עטליכע וואכן נאכדעם איז דער נדבן פלוצלינג געשטארבן. ווי עס זעט אויס מיט זיין ביישטייערונג האט ער פארענדיגט זיין תפקיד אויף דער וועלט.

ביי דעם רירנדן הספד ביי די לויה האט הרב ראדנער אנטפלעקט וואס דער נדבן האט אים דערציילט א קורצע צייט נאכן מנדב זיין:

"זיכער ווילסטו וויסן וואס האט צוגעברענגט איך זאל געבן אזא ריזיגע נדבה אן מען זאל מיר בעטן", האט דער נדבן געזאגט, "נו, עס איז געווען מיט א צייט צוריק ביי א זעלטענער באזוך אין ארץ ישראל. אין א שפעטע נאכט-שטונדע בין איך אנגעקומען צו די כותל המערבי. אלעס ארום איז פאר מיר געווען ניי, אבער דאס וואס האט מיך בעיקר געכאפט איז געווען א עלטערער איד וואס איז געשטאנען נאנט צו די אלטע וואנט, און געדאווענט מיט א ברען און כוונה ווען פון זיינע אויגן פליסן טרערן, און פון זיין פנים שטראלט א ריינע אידישע איידלקייט.

לאנגע מינוטן האב איך נישט געקענט אראפ נעמען מיינע אויגן פון אט דעם מענטש וואס האט פאר מיר סימבאליזירט אלעס וואס אידישקייט סימבאליזירט; עס זעט אויס אז די תענוגי עולם הזה האבן נישט פארנומען א ארט בי אים, און ער ציט זיין חיות גראד פון רוחניות. איך בין אזוי איבערגענומען געווארן פון אים, אז איך האב געוואלט צוגיין צו אים און רעדן מיט אים, און אפשר זיך אנקניפן מיט אים ער זאל זיין פאר מיר ווי א וועג ווייזער, אבער עס איז געווען צו שפעט און איך האב געמוזט פארלאזן דאס ארט.

ביים זיך צוריקקערן אהיים, נאכן ענדיגן די באזוך, דער ערשטער זאך וואס איך האב געטון איז געווען געוואר ווערן צי עס זענען אויך פאראן אזעלכע אידן אין דער ווייטער דאלאס. עמיצער האט מיך געפירט צו דיין הויז, איך האב געשמועסט מיט דיר און דער אמת איז - אז איך בין נישט אנטוישט געווארן... די פארזעצונג פון די געשיכטע ווייסטו שוין אליין...".

די ריזיגע ביישטייערונג וואס הרב ראדנער האט באקומען איז נישט געקומען פון זיך אליינס. עס איז געווען א דירעקטער רעזולטאט פון א ווארעמע און אמת'ע תפילה וואס איז ארויסגעקומען פון די טיפענישן פונעם הארץ פון א אומבאקאנטנער איד וואס ווייסט זיכער נישט וואס עס האט אויפגעטון דורך דעם - טויזענטער אידן וואס זענען נתקרב געווארן צו תורה און מצוות, און די געוואלדיגע 'זיכוי הרבים' וואס ציט זיך ביזן היינטיגן טאג.

'פניני פרשת השבוע' כי תבוא

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'סלח לנו'

### די מקור פון די ברכה

די זעקסטע ברכה פון שמונה עשרה איז די ברכה פון סלח לנו. די פלאץ פון די ברכה נאך די ברכה פון השיבנו האבן די חכמים ארויסגעלערנט (מגילה יז ב) פון דעם פסוק (ישעיהו נה ז): "**וישוב** אל ה' וירחמהו ואל אלוקינו כי ירבה **לסלוח**", און פון דא זעט מען אז דורך דעם וואס דער מענטש קערט זיך אוועק פון די שלעכטע וועג און איז זיך מקבל צו גיין אויף די גוטע וועג, איז ער זוכה אז הקדוש ברוך הוא איז אים מוחל אויף זיינע זינד (טור או"ח קטו).

נאך א רמז אויף די ברכה לערנען ארויס די חכמים (שם) פון דער פסוק (שם ו י): "וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב וְרָפָא לוֹ", אז נאך די ברכה פון 'בינה' און 'תשובה' קומט די ברכה אויף 'סליחה' וואס ברענגט א רפואה פאר די זעל פון דער מענטש ('ארחות חיים' [לר"א מלוניל] תפילה כ).

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה הייבט זיך אן מיט א בקשה וואס זעט אויס ווי געדאפלט; "סלח לנו אבינו כי חטאנו", און נאכדעם "מחל לנו מלכנו כי פשענו". אויך די טיטלען וואס טוישן זיך - אין אנהויב "אבינו" און נאכדעם "מלכנו" דארף א ערקלערונג.

דער רבי ר' יהונתן אייבשיץ ערקלערט: אין די צייט וואס דער מענטש האט נישט פארמערט צו זינדיגן איז ער נאך אין די בחי' פון א בן, אבער ווען ער פארמערט צו זינדיגן גייט ער אראפ צו די בחי' פון עבד. און דאס איז פאר זיין טובה, ווייל ריכטיג אז עס איז נישטא נאך אזא ליבשאפט פון א פאטער צו זיין זון, אבער פון די צווייטע זייט א זון וואס זינדיגט אקעגן זיין פאטער, איז זיין שטראף הארבער פון א קנעכט וואס זינדיגט צו זיין קעניג, ווייל די תורה האט שטארק מחמיר געווען אין די שטראף פון א 'בן סורר' וואס טוט ווידערשפעניגן אין זיין פאטער, און באפוילן מען זאל אים טויטן (דברים כא יח-כא).

דעריבער אין אנהויב בעטן מיר "סלח לנו אבינו כי חטאנו", ווייל אין די צייט וואס מיר האבן נישט אסאך געזינדיגט קענען מיר בעטן פון ה' יתברך ער זאל אויף אונז רחמנות האבן כרחם אב על בנים, און זאל אויסמעקן אונזערע זינד כאילו מיר האבן נישט געזינדיגט [סליחה איז עוקר די זינד למפרע]. און מיר לייגן צו א בקשה: "מחל לנו מלכנו כי פשענו", כאטש מיר האבן פארמערט צו זינדיגן אז די 'חטא' איז איבערגעדרייט געווארן אויף א 'פשע', און מיר זענען נישט זוכה צו בעטן א ריכטיגע סליחה אזוי ווי א 'בן', בעטן מיר לכל הפחות די בחי' פון 'מחילה' אזוי ווי א 'עבד', ד.מ. ער זאל אפשוואכן די צייכן פון די זינד ('יערות דבש' ח"א דרוש א בברכת 'סלח לנו').

### די באדייט פון די ברכה

פון די דרכי התשובה איז אז נאכן תשובה טון ריכטיג אויף די זינד, דארף מען דאווענען אז הקב"ה זאל אים מוחל זיין אויף זיינע זינד, אזוי ווי רבינו יונה שרייבט אין 'שערי תשובה' (א מב) דער פופצנ'סטער פונקט פון די 'פונקטן פון תשובה' איז: "יתפלל אל ה' ויבקש רחמים לכפר את כל עוונותיו". אויך דער רמב"ם (תשובה ב ד) דערמאנט די ענין פון תפילה אלס איינע פון די דרכי התשובה: "מדרכי התשובה להיות השב צועק תמיד לפני השם בבכי ובתחנונים". דעריבער נאך די ברכה 'השיבנו', דאווענען מיר פאר ה' אז אויך אויב מיר האבן זיך אסאך פארזינדיגט, דערנאך וואס מיר האבן תשובה געטון זאל ער אונז מוחל זיין אויף אונזערע זינד ('שפתי חיים' - 'רינת חיים' שמו"ע עמ' קז).

צו דעם, אין די מצוה פון 'תשובה' רעכנט אויס דער רמב"ם (תשובה ב ב) פיר הויפט חלקים: א. אפלאזן די זינד. ב. זיך מקבל זיין נישט זינדיגן ווייטער. ג. חרטה האבן אויף די זינד. ד. וידוי. אין די ברכה זענען מיר משלים די מצוה פון תשובה דורך דעם וואס מיר זענען זיך מתוודה אויף אונזערע זינד, מיטן זאגן: "סלח לנו אבינו **כי חטאנו** מחל לנו מלכינו **כי פשענו**". דער סארט לשון טרעפן מיר נאר אין די ברכה און איז אזוי אויסגעשטעלט כדי מקיים צו זיין די מצוה פון וידוי, ווייל ביי די אנדערע בקשות רעכענען מיר נישט אויס אונזערע פריוואטע געברויך עס זאל ערפילט ווערן די בקשה, אזוי ווי מיר זאגן נישט צ.ב.ש.: 'רפאנו ה' כי חולים אנו'; 'ברך עלינו... כי זקוקים אנו לכך'. ('עלת תמיד' פרק כב; 'שפתי חיים - רינת חיים' שם).

### קלאפן אויף די הארץ ביי די ברכה 'סלח לנו'

כלל ישראל פירט זיך קלאפן אויף זייער הארץ בשעת'ן זאגן די וידוי, אזוי ווי עס איז ערקלערט אין מדרש (קה"ר ז ט) ווייל מיט דעם טוט מען ווי באשולדיגן די הארץ וואס האט אונז פארשלעפט צו טון די עבירות ('מגן אברהם' תרז ג). דעריבער פירט מען זיך קלאפן אויף די הארץ ביי די ברכה, ווען מיר זאגן 'חטאנו' און 'פשענו' אזוי ווי בשעת'ן זאגן וידוי (סידור היעב"ץ בשם השל"ה בברכת 'סלח לנו'; 'מקור חיים' בסי' קטו).

עס זענען וואס שרייבן אז אין די טעג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון, זאל מען קלאפן אויף די הארץ ביי די ברכה ווייל עס זעט אויס ווי ער איז זיך מתוודה אין א צייט וואס מען איז זיך נישט מתוודה (סידור היעב"ץ ו'מקור חיים' שם; פירוש 'עיון תפילה' שבסידור 'נהורא השלם' בדיני ערבית למוצאי שבת) אבער דער מנהג העולם איז צו קלאפן אויף די הארץ ביי די ברכה אויך אין די טעג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון ('מרא דשמעתתא - עטרת יהושע' אות לא).

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז מיר דארפן לויבן השי"ת אויף דעם וואס ער איז המרבה לסלוח און הלוואי ער זאל אונז אויך מוחל זיין.

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## 'ולא יהיה בהם נגף' אין זכות פון מאה ברכות

"כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם" (ל יב)

**חכם סעדיה צפירה** פון די חכמי תימן זאגט:

דער פסוק איז מרמז וואס די חכמים זאגן (במ"ר יח כא) אז זאגן מאה ברכות איז מציל פון א מגיפה. די ראשי תיבות: "כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה'" זענען גימטריה מאה. אויב דער מענטש וועט מקפיד זיין געבן כופר נפשו לה' - דאס זענען די מאה ברכות יעדן טאג, איז ער פארזיכערט אז: "וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף".

'כסף צרוף'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## די מעלה פון א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן

### דער מברך זאל אינזין האבן יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן

די חשיבות פון ענטפערן 'אמן' וואס טוט אויף סיי פאר די ברכה און סיי פאר דער וואס זאגט די ברכה, קענען מיר זיך אויך לערנען פון די קלארע הלכה אין דער רמ"א אין הלכות ברכת המזון (או"ח קסז ב): "אויב עטליכע עסן צוזאמען, זאלן זיי אינזין האבן הערן די ברכה 'המוציא' און ענטפערן אמן, און דער מברך זאל אינזין האבן צו די אמן וואס זיי זאגן". ד.מ. וויבאלד א מענטש ענטפערט נישט אמן אויף א אייגענע ברכה, דארף דער מברך אינזין האבן יוצא זיין דער חוב פון ענטפערן אמן אויף זיין ברכה דורכ'ן הערן אמן פון די ארומיגע.

לכאורה, דער מברך האט דאך געזאגט די גאנצע ברכה, פארוואס דארף ער אינזין האבן יוצא זיין פון די צוהערהער דער חוב פון ענטפערן אמן?

ערקלערט דער משנה ברורה (שם ס"ק כ): ענטפערן אמן טוט דערהויבן די ברכה, דעריבער אויך דער מברך זאל זיך נישט באגענוגן מיטן זאגן די ברכה, נאר ער זאל אינזין האבן יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן אויף זיין ברכה. און אזוי שרייבט ער: "ווייל ענטפערן אמן איז אויך א טייל פון די ברכה, און כאטש ער האט שוין אליינ'ס געזאגט די ברכה, פון דעסוועגן דורך ענטפערן אמן איז די ברכה חשוב'ער, וועגן דעם איז ריכטיג לכתחילה ער זאל אינזין האבן יוצא זיין די 'אמן' פון די מענטשן וואס ענטפערן".

### נישט ווייניגער פון צוויי וואס ענטפערן אמן

דער מקובל רבי עמנואל חי ריקי שרייבט אז אויף די הלכה וואס הייסט פארן מברך אינזין האבן די אמן וואס דער שומע ענטפערט, קען מען טרעפן צו דעם א שטיקל ראיה אין די באקאנטע דרשה פון די חכמים (שבת קיט ב) אויפן פסוק (ישעיהו כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים" - "אל תקרי שמר אמנים אלא שאומרים אמן". פון דעם וואס די חכמים האבן אנגעכאפט דער לשון 'שאומרים אמן" - מיט א לשון רבים, און נישט 'שאומר אמן', קומען זיי אונז לערנען די אויבנדערמאנטע הלכה, ווייל דער מענטש קען נישט ענטפערן אמן אויף זיין אייגענע ברכה, דעריבער דארף ער צוהערן צו די 'אמן' וואס מען ענטפערט נאך אים און דורך דעם יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן. פון דעם קומט אויס אז ווען מען ענטפערט אמן אויף א ברכה איז דא לכל הפחות צוויי 'שאומרים אמן' אויף יעדע ברכה - דער מברך און דער וואס ענטפערט אמן, און אויף זיי איז געזאגט געווארן: 'שאומרים אמן' ('אדרת אליהו' שבת קיט ב).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

א עקסטערן יישר כח אויף די פרישקייט וואס ענק לייגן אריין אין שרייבן און צוגרייטן ענקער בלעטל. מיט סיעתא דשמיא האבן ענק מצליח געווען אריינברענגען די חשיבות פון ענטפערן אמן, און אלע וואונדערליכע מעלות וואס קומען מיט צוזאמען מיטן מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, אין יעדע ווינקל אויף דער וועלט. און יעצט מיט ענקער באנייאונג, זאל ענק ה' העלפן אויף ווייטער ער זאלן זוכה זיין שתשרה ברכה במעשי ידיכם.

איך וויל ענק באדאנקען אז דורך ענקער זכות בין איך זוכה מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, נאר דורכ'ן לייענען אין ענקער גליון די חשיבות פון דעם האב איך אנגעהויבן אכטונג געבן אויף דעם. לעצטנ'ס נאכן כאפן א בליק אויף צוריק האב איך אויפגעכאפט אז פון ווען איך האב אנגעהויבן מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, האב איך אנגעהויבן זען א גרויסער שפע און א געוואלדיגע סיעתא דשמיא אין אלע מיינע טוהונגען. די פרנסה איז מער בהרחבה, און עטליכע שוועריקייטן וואס אין לויף פון יארן זענען זיי געווען א חלק פון מיין לעבן זענען צוביסלעך פארשווינדן געווארן ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט געווען. מיט סייעתא דשמיא האט זיך גאר שטארק פארבעסערט מיין לעבן.

יעדן מוצאי שבת הייבן מיר אן די נייע וואך מיט זאגן דער פסוק (בראשית כז כח): "ויתן לך האלוקים מטל השמים ומשמני הארץ". די ראשי תיבות פון: "ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני" זענען בגימטריה 92 אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן' מיטן כולל. און אויב מיר ווען רעכענען די ראשי תיבות: "לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ", וועט עס אויסקומען 91 פונקט ווי די ווארט 'אמן'. אין דעם איז דא א רמז אויף דעם וואס ענק האבן געברענגט אין נאמען פון של"ה הקדוש (מס' תמיד אות פ) אז די גאנצע ברכה און שפע איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן.

שטארקט זיך און זעט הצלחה צו קענען מקדש זיין שם שמים און פארשטערקערן דאס ענטפערן אמן צווישן כלל ישראל.

מיט א ברכה

**י. ש. ג.**

**בארא פארק, ניו יארק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


הגרש"ז אויערבאך זי"ע

### הגרש"ז אויערבאך
### כ' אדר תשנ"ה

דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך איז געבוירן כ"ג תמוז תר"ע אין די 'שערי חסד' געגנט אין ירושלים צו זיין פאטער רבי חיים יהודה לייב ראש ישיבת המקובלים 'שער השמים'. אין דעם לעצטן דור איז ער געווען פון די עמודי הוראה און האט געדינט אלס א צענטראלער הלכה'דיגער אויטאריטעט פאר צענדליגער טויזנטער אידן פון ארץ ישראל און פון דער גארער וועלט.

אין לויף פון זעקס און פערציג יאר, ביז צו זיין פטירה, האט ער געדינט אלס ראש ישיבת 'קול תורה'. זיינע פסקים און שיעורים זענען געדרוקט געווארן אין אסאך ספרים, וואס רוב פון זיי זענען ארויסגעקומען נאך זיין פטירה. ער איז נפטר געווארן כ' אדר א' תשנ"ה. הונדערטער טויזנטער מענטשן האבן באגלייט זיין מיטה אויף איר וועג צו הר המנוחות אין ירושלים.

### 'מאה ברכות' אויף רפואה

אין ספר 'פסקי תשובות' (סי' מו הערה 116) שטייט אז עס איז ראוי מפרסם זיין ברבים אז איינמאל איז צוגעקומען צו הגרש"ז א גרויסער ת"ח וואס איז שטארק קראנק געווען און האט געפרעגט מיט וואס זאל ער זיך מחזק זיין. האט ער אים געענטפערט מיט א געוואלדיגע התרגשות ער זאל זיך מחזק זיין מיט זאגן מאה ברכות און אכטונג געבן אינזין האבן ביי יעדע ווארט.

### ענטפערן אמן נאך א מי שברך פאר א חולה

ער פלעגט מעורר זיין אז ביים ענדיגן זאגן תהילים אויף א חולה, זאל דער חזן זאגן די 'מי שברך' הויעך אויפן קול און די באטייליגטע זאלן מקפיד זיין זיך אויפהאלטן און ענטפערן אמן ('הליכות שלמה' פ"ח הערה 61).

### א טאג וואס אריבער אויף אים ווי עס דארף צו זיין

אויף די פראגע פון זיינ'ס א תלמיד וועלעכע טאג ווערט גערעכנט אין זיינע אויגן אלס א טאג וואס אריבער אויף אים ווי עס דארף צו זיין, האט ער געענטפערט: "א טאג וואס איך האב זוכה געווען צו מכוון זיין ביי אלע דריי תפילות די פירוש המילות ווי עס דארף צו זיין" (שם פ"א הערה 16).